בפרט און די אלגעמיינע אפשאצונג פון די מפרשים בכלל (פרק כ"ב). דער רמב"ם, וועלכער האט געשטרעבט אפשאפען דעם תלמוד, איז זעלבסט געווארען א מין תלמוד.

דער רמב"ם איז פיל שטודירט געווארען אין אלע דורות, ניט נאר פון לומדים, נאר אויך אין עלעמענטארער ערציהונג האט דעם רמב"ם'ס משנה תורה פארנומען א וויכטיגען פלאץ (פרק כ"ג). די העברעאישע שולע האט ווירקליך געדארפט איינפיהרען מעהר רמב"ם אנשטאט תלמוד אין די עלעמענטארע און העכערע שולען.

אן אינטערעסאנטער פרק איז דער „רמב"ם אין דער אפשאצונג פון די דורות". ער הויבט אן מיט דער באקאנטער פראזע „ממשה עד משה" און זעצט פארט מיט פאקטען וועגען דעם רמב"ם, ווי אן אנגענומענער הלכה־אויטאריטעט פון די ספרדים; די התפעלות פון די משכילים און פילאזאפען. ער ברענגט אויך די התנגדות פון זיינע געגנער און זייער שארפע קריטיק, וועלכע האבען ניט פארשוויגען דעם רמב"מ'ס כפירה. אינטערעסאנט איז, אז דער רמב"ם, וועלכער איז געווען אן אויסגעשפראכענער געגנער פון קבלה, איז פארוואנדעלט געווארען אין א מקובל אין אפשאצונג פון מקובלים און חסידים. ער ציטירט אויך אפשאצונגען פון רמב"ם פון די שרייבער און געלעהרטע פון די לעצטע דורות, ווי זיין מאדערנער מפרש שלמה מיימון, זיינע געגנער אברהם גייגר און שמואל דוד לוצאטא, ווי אויך שלמה יהודה ראפאפארט און פרץ סמאלענסקין. ער פארענדיגט דעם פרק מיט אן אויסצוג פון וואונדערבארען ארטיקעל פון אחד העם „שלטון השכל" (פרק כ"א).

ווי עס איז צו ערווארטען זיינען פאראן אויך לעגענדעס וועגען רמב"ם. אזעלכע גרויסע פערזענליכקייטען ווערען א צענטער פון לעגענדעס. די אידישע תלמודישע לעגענדע האט ליב פארצושטעלען איהרע גרויסע חכמים ווי פארגרעבטע עם־הארצים אין זייער יוגענד. ר' אליעזר הגדול איז געווען א פשוט'ער פארמער, ר' עקיבא אן אונוויסענדער פאסטוך. אויך דער רמב"ם איז געווען אי א שלעכטע קאפ אי א קליינער וועלער.

נאר פלוצים, ווען ער איז פארטריבען פון זיין פאטער'ס הויז מיט א זידעל־ווארט „בן הקצב", האט ער פלוצים דערשפירט א רוח חכמה און איז געווארען א תלמיד פון ר' יוסף אבן מיגאש און האט ערשטוינט שפעטער זיין אייגען פאטער מיט זיין תורה.

משה רבינו האט זיך באוויזען צום רמב"ם אין חלום און איהם געגעבען א „יישר־כח" אויף זיין משנה תורה.

די מחלוקת צווישען רמב"ם און ראב"ד האט פאראינטערעסירט די לעגענדע.

אויך האט דעם רמב"מ'ס טויט פארנומען א פלאץ אין לעגענדע. דרייסיג אראבישע גזלנים זיינען איבערגעפאלען זיין ארון. די טרעגער זיינען אנטלאפען. די אלע שטארקע גזלנים האבען אבער ניט געקאנט ריהרען דעם ארון פון פלאץ (פרק כ"ד).

ווי די ראשי פרקים באווייזען איז דער ספר אינהאלטסרייך. זעלבסטפארשטענדליך, אז דאס בוך קאן ניט פארנעהמען דעם פלאץ פון רמב"מ'ס ווערק. געוויס שעפט ער ניט אויס אלץ, וואס קען געזאגט ווערען וועגען רמב"ם אפילו פון ריין ביאגראפישען און היסטארישען שטאנדפונקט. א שאד אויך, וואס דאס בוך האט ניט קיין געקליבענע ביבליאגראפיע וועגען רמב"ם אין העברעאיש און אין אנדערע שפראכען (א פאלקאמע ביבליאגראפיע פאדערט ביכער). דאס בוך איז אבער וויכטיג פאר'ן אינטעליגענטען לעזער און שילער פון די העכערע שולען, וועלכע ווילען געפינען אלץ, וואס איז נויטיג צו וויסען וועגען רמב"ם אין אריגינעלער שפראך פון די מקורות, אין שעהנער געביידע און זאכליך באלויכטען. דער ספר איז א ווירדיגער חבר צו זיין „ישראל בגולה" און א גוטער ביטראג צו דער רמב"ם ליטעראטור.

---

**ש. ניגער**

## א שרייבער, וואס שמייכעלט

### יהושע פערלע: „אידען פון א גאנץ יאהר"

פארלאג ח. בזשאזא, ווארשע, 1936. 460 זייטען.

דאס בוך הויבט זיך אן מיט „א געוויין פון קעץ הינטער'ן פענסטער". נישט קיין פרייליכער אנהויב. אינ'ם צווייטען זאץ דערצעהלט דער העלד, א קליין אינגעל: „כ'בין געלעגען מיט'ן פנים צום טאטענ'ס פלייצע און איינגעאטעמט אין זיך דעם זויערען ריח פון זיין האריג שווער לייב". נישט קיין געשמאקער ריח. ווייטער דערצעהלט ער: „דער טאטע האט הויך געשנארכט, פארגאנגען זיך מיט א געדרעהט כארכלען, אזוי ווי ער וואלט געגארגעלט אין האלז א שטיק לייבעץ". באלד נאך דעם שטיק לייבעץ קומט א מעשה נורא מיט דער מאמעס א זוהן פון איהר ערשטען מאן. דער זוהן ווערט קראנק. די מאמע וויינט, יאמערט, רייסט־איין וועלטען. מען נעמט־צו דעם זוהן אין שפיטאל. עס העלפט ניט. דער בחור שטארבט. שלעכט . . . און ס'איז א צער, האט זיך מיר געדוכט, נישט נאר אויף דער מאמען. ס'איז א רחמנות, האב איך געטראכט, אויפ'ן שרייבער און אויף די לעזער אויך. אויב עס איז שוין אויף די ערשטע זייטלעך אזוי טרויעריג — קעץ וויינען, א קינד שטארבט, — היינט וואס וועט זיין שפעטער? דאס בוך, האב איך געכאפט א קוק צום סוף, האט פיר הונדערט מיט זעכציג זייטען. און אויב ס'איז טאקע אזא ביטערע געשיכטע, וועט זי דאך מוזען ווערען, וואס ווייטער, אלץ שווערער, אלץ אומעטיגער . . . וועט'ס א לעזער מיט א שוואך הארץ קאנען פארטראגען? און ווי איך מראכט אזוי, לייענענדיג, די גאר נישט פרעהליכע טראכטעניש, ערשט דער הימעל הויבט זיך אן אויסצוליטערען, אינ'ם טאל פון יאמער און געוויין ווערט ליכטיגער, און איך דערזעה, אז מ ע נ ד ל, דער אינגעל, וואס דערצעהלט די מעשה, האט מיך אפגענארט. ער איז גאר ניט קיין פאראומערטע נשמה. פארקערט, ער איז א פרעהליכער יאט. ער האט אין זיך עפעס פון מ א ט ע ל פ י י ס ע ד ע ם ח ז נ'ס א י נ ג ע ל. איי־וואס האט ער אונז אזוי שווער געמאכט אויפ'ן הארצען? דאס האט ער מיט א כיוון געמאן, מיר זאלען דערפיהלען נאך א גרעסערע דערלייכטערונג פונ'ם דינעם שמייכעל, וואס לייכט־אויף אויף זיינע ליפען. באלד נאך זיין שטיפברודער'ס טויט... עס דארף זיין די לויה — ארום שווארצען טויער פון שפיטאל הויבען זיך אן זאמלען אידען — און... עס ווערט פרעהליכער. מענדל, וועלכער איז, ווי מיר וויסען שוין, איצט א גלגול פון שלום עליכם'ס מ א ט ל און (לאמיר גלייך צוגעבען) פון בערגעלסאנ'ס פ ע נ ע ק, האט א פאר שארפע אויגלעך, אויך א גוטען זכרון — דערמאנט ער זיך: „אז איך בין געקומען צולויפען צום שפיטאל, איז דאס שווארצע טויער געווען פארשלאסען. צוויי לאנגע אידען מיט געדיכטע בערד האבען איינגע'טענה'ט מיט א גוי. עטליכע ווייבער האבען געטופעט מיט די פיס אויפ'ן שניי. א הונט, א קודלאטער, אן אויסגעקראכענער, האט געשמעקט צו די פאלעס פון די צוויי אידען." דאס איז נאר אן אריינפיר — א פאמעלאכדיגער איבערגאנג צו קאמישקייט . . נאכ'ן אריינפיר פון די צוויי לאנגע אידען מיט די געדיכטע בערד, מיט דעם קודלאטען, אויסגעקראכענעם הונט, וואס שמעקט צו זייערע פאלעס, הויבט זיך אן מ ע נ ד ל־מ א ט ל פ ע נ ק'ס דערצעהלונג, — א דערצעהלונג וואס וואלט באמטאקע געווען זעהר אומעטיג אדער זעהר נודנע, ווען עס זאל

נישט פאלען אויף איהר דאס מילדע ליכט פון דעם דערצעה־
לער'ס הומאר. אט ווי דער טונקעל־גרויער געוועב ווערט גלייך
פון אנהויב אן באלעבט פון שמייכעל־פעדעמלעך: „אין א וויי־
לע ארום (נאך דעם ווייזען זיך פון די צוויי לאנגע אידען מיט
די געדיכטע בערד — ש. נ.) איז אנגעקומען פעטער שמואל,
דער מאן פון דער מומע מרים. ער איז געקומען מיט צוויי צע־
ווארפענע הענט. ער איז ארויף אויף די צוויי לאנגע אידען און
א זאג געטאן מיט זיין צעשפרייט זולל־וסובא'דיג קול:

— געשטארבען! ננע... ביזט א מבין!

און מיר דערפיהלען זיך גלייך אין דער אטמאספערע, אויב
ניט פון שלום עליכמ'ס מאטל, איז פון בערגעלסאנ'ס פענעק.
אבער נאר די א ט מ א ס פ ע ר ע דערמאנט אונז אן עפעס,
וואס איז אונז שוין באקאנט, ניט די ס ב י ב ה. די סביבה
איז אן אנדערע, ניט די זעלביגע, וואס אין „מאטל פייסע דעם
חזנ'ס אינגעל" אדער אין „פענעק".

אין „מאטל פייסע דעם חזנ'ס אינגעל" איז א נאטירליכע
פאלק־סביבה, אין „פענעק" — א סביבה פון קינסטליך אויפ־
געשרויפטע סאציאלע קאנפליקטען. דא האבען מיר פאר זיך
א טיפישע סביבה פון קליינבירגערליכקייט.

דער אויסגאנגספונקט פון דער דערצעהלונג איז איין פא־
מיליע — מ ע נ ד ל ' ס עלטערען, ברידער און שוועסטער,
שטיפברידער און שטיפשוועסטער. אבער דאס איז מעהר ווי
א באגרעניצטע פאמיליע־כראניק. דורך קרובה'שאפט איז
מענדל'ס משפחה פארבונדען מיט אנדערע, האלב־הארעפאשנע,
האלב־ סוחרישע קרייזען. עס זיינען דא זיידעס און באבעס,
פעטערס און מומעס — דא אין שטעטל, ווי אויך אין אנדערע
שטעט. מענדל, דער אינגעל, וועלכער דערצעהלט די געשיכטע,
געהט צו־געסט צו זיינע קרובים, זיין מאמע פארט קיין ווארשע
צו איהר משפחה, זיין פאטער פארט אין דארף האנדלען. אויף
אזא אופן באקענען מיר זיך מיט די פארשטעהער און די פירונ־
גען פון אנדערע הייזער אויך, נישט נאר מיט זייער אייגענעם
הויזגעזינד. אחוץ דעם, בייטען זיי אפט די וואוינונגען, קליי־
בען זיך איבער פון איין טייל שטאט אין אנדערען, האבען נייע
שכנים. קוקען מיר אריין אין דעם לעבען פון אט די שכנים
אויך. אזוי ארום געהט פארביי אונז דורך א וועלט מיט מענ־
שען. און כאטש די סאציאלע אונטערשיידען צווישען זיי זיי־
נען נישט קיין גרויסע, און קיין באוואוסטזיניגע סאציאלע קאנ־
פליקטען זיינען כמעט גאר ניטא (עס איז נאר דא קנאה, נישט
קיין קאמף פון די ארימערע אנטקעגען די רייכערע), פיהלט זיך
נישט קיין איינטאניגקייט אינ'ם בוך. די מענשען, ווי א קלאס,
זיינען טאקע עהנליך, מעהר אדער ווייניגער, איינע צו די אנ־
דערע: זיי זיינען אלע קליינבירגערליך־באלעבאטיש. אבער דאס
איז נאר סאציאל־פסיכאלאגיש. אינדיווידועל איז יעדער און
יעדע פאר זיך אליין א וועלטעל. און אזוי ווי יהושע פערלע גיט
זיך אפ מעהר מיט דער אינדיווידועלער, ווי מיט דער סאציאלער,
פסיכאלאגיע פון זיינע פארשוינען, געפינט ער ביי יעדען פון זיי
עפעס, וואס מאכט איהם אנדערש פון אלע ארומיגע. יעדער
מענש, ווי קליין און נישטיג ער איז, האט זיך זיין אייגענע פנים
זיינע אייגענע שוואכקייטען, זיינע אייגענע גענג און גענגלעך...

האט זיך מיר געדוכט, לייענענדיג דאס בוך, אז דאס איז
אזוי ווי עפעס א מין שטומער פראטעסט געגען דער מאדע פון
אויסשליסליך סאציאלע מאטיווען. לויט דער דאזיגער מאדע
אדער מיינונג איז א מענש פאר דער ליטעראטור וויכטיג און
אינטערעסאנט נאר ווי ווייט ער איז א סאציאלע באשעפעניש,
נאר ווי ווייט ער רעפרעזענטירט מיט זיך דעם אדער יענעם קלאס.
קומט יהושע פערלע און ווייזט, אז ס'איז ניט אזוי. אט זיינען
עטליכע משפחה'ס, עטליכע צענדליג מענשען, וועלכע האבען
כמעט אלע איין סאציאלע אפשטאמונג און צייכענען זיך אויב
כמעט אלע מיט איין און דערזעלביגער געזעלשאפטליכער פסי־
כאלאגיע. וואלט וועגען יעדען פון זיי באזונדער, לויט דער
דערמאנטער שיטה, נישט געדארפט זיין אין פלוג וואס צו שריי־
בען: א „קופע מילבען", ווי מענדעלע האט זיך אויסגעדריקט,
איז פאר דעם נאטור־פארשער א ק ו פ ע, א מ י ן; איין
מילב איז גלייך צו דער אנדערער. אבער מענשען, ווייזט אונז
פערלע, זיינען נישט קיין מילבען; איינער איז נ י ש ט גלייך
צו דעם אנדערען.

אט האט מענדל א טאטען מיט א מאמען — זיינען זיי
צוויי באזונדערע מענשען. דער טאטע האט קינדער פון זיין
ערשטער ווייב, די מאמע — פון איהר ערשטען מאן: האט יע־
דעם קינד זיין אייגענעם כאראקטער, זיין אייגענעם גורל. היינט
דער זיידע מיט דער באבען! — דאס איז שוין איינמאל א
פארל! און וואו זיינען די פעטערס מיט די מומעס? די פעטערס
מיט די מומעס זיינען גאר באזונדערס אינטערעסאנט. אזא קא־
לעקציע פון פעטערס מיט מומעס, ווי די, וועלכע יהושע פערלע
האט אויסגעשטעלט פאר אונז אין „אידען פון א גאנץ יאהר",
קאן מען געפינען נאר ביי שלום עליכמ'ן.

אט איז, אשטייגער, דער פעטער בן־ציון מיט דער מומע
נעמי. זיי קומען ביידע אויף א דראשקע צו דער לויה פון
מענדל'ס יונגען שטיפברודער, משה: „פעטער בן־ציון,—א קליי־
נער, א קיילעכדיגער, אזוי ווי אן אויסגעשטופטע איינשיט —
האט נישט געקאנט ארויסקריכען פון דער דראשקע. האט די
מומע נעמי, א אידענע מיט אידעלע ליפען און מיט אן אנשטעל
אויף לומדות, איהם אונטערגעשטעלט אן אקסעל. ער האט זיך
אנגעשפארט, דער פעטער בן־ציון, און אזוי ארום איז ער ערשט
אראפגעקראכען.

ער איז שטעהן געבליבען א ווייל, געפרייכט מיט'ן אויס־
געשטופטען בויך, ארומגעקוקט זיך און צום סוף אויסגעבלא־
זען פון די רויטע, זאטע ליפען אראפ: — „קאלט.... ביזט א
מבין אויף דעם פראסט! וויפיל גראד קאן דאס היינט זיין?"
מען האט איהם נישט געענטפערט; דער אויסגעקראכענער־
קודלאטער הונט האט אראפגעלאזט די מארדע צום פעטער בן־
ציון'ס קאלאשען. פעטער בן־ציון האט זיך אפגערוקט הינטער־
וויילעכטס: „א פודזשעם!" דער הונט האט הכנעה'דיג אראפ־
געלאזט דעם קאפ און צוגעבלאנקעט זיך צו מיר. ער האט אנ־
געשטעלט א פאר ווארעמע, פייכטע אויגען, געדרעהט טרויעריג
מיט'ן ווידעל און, מן הסתם, ווען ער וואלט געקאנט רייד ען,
וואלט ער געפרעגט: „דיין ברודער איז טאקע געשטארבען —
טא וואס איז אזוי דעם פעטער בן־ציון דיינעם קאלט?"

דאס איז אביסעל נוסח בערגעלסאן, און א צווייטער פע־
טער — פעטער מרדכי מענדיל — האט געמעגט הייסען פעטער
מנחם מענדיל, ווארים ער האט אין זיך עפעס פון שלום עליכמ'ס
באריהמטען פארשוין. אבער — נישט די ווירקונג פון אנדערע,
גרעסערע, שרייבער איז וויכטיג (שלום עליכם אליין און בער־
געלסאן אליין זיינען אויך נישט איינגאנצען אריגינעל — אלע
שרייבער זיינען נעמערס, איידער זיי ווערען געבערס). וויכטיג
איז, וואס יעדער פעטער ביי פערלע'ן (און שיער ניט יעדער פאר־
שוין, וואס ווערט דערמאנט אינ'ם בוך) האט אין זיך עפעס
אייגענארטיגס, עפעס, וואס די איבעריגע פארשוינען האבען ניט.
כאטש זיי געפינען זיך אין דער זעלביגער סאציאלער סביבה
און געהערען צו דעם זעלביגען געזעלשאפטליכען קלאס, וו[illegible]
ער. וויכטיג איז, וואס די אלע אידען, כאטש זיי זיינען אידען
פון א גאנץ יאהר, קאנען איינער דעם אנדערען נישט פארבייי־
מען. זיי זיינען טאקע אלע ארומגעוואקסען מיט איינאונדעמ־
זעלביגען לעבענסשטייגער, דעם לעבענסשטייגער פון דער אידי־
שער קליינבירגערישוואזיע און דער אידישער ארימקייט, זיי זיינען
טאקע אלע ארויסגעוואקסען פון איין באדען, דעם באדען פון

וואלט איך וועלען אויסטיילען די פאלגענדיגע צוויי: א) זיינע פרויען זיינען אלע כמעט אקטיווער, אגרעסיווער ווי די מענער און ב) ער האט א שטארקע נייגונג צו אטראפאמארפיזם אין זיין מאלען די וועלט פון „טויטע" זאכען: „די רפואה־פלעשעלעך אויפ'ן פענסטער האבען זיך אזוי ווי צוזאמענגערוקט, ברידערליך צוגעבויגען איינס צו ס'אנדערע די העלזעלעך, און משה'ס א ספינקע, א פערלמוטערנע, האט אפערגעקוקט פון אונטער'ן טיש אזוי ווי א ווייס, טויט אויג" . . . (ז. 7) „ס'האט זיך מיט אמאל א וויג געטאן אן עולם מאנסלייט — שווארצע, גירע, מיט צעפלאשעטע קאפאטעס, אזוי ווי פויגעל, וואס מען האט אויפגעוועקט פון דרימעל" (ז. 16). „זייערע רייד זיינען ארומגעקראכען איבער דער שטוב אזוי ווי מידע, פאר'שכור'טע פליגען" (ז. 17). ביי פערלען איז רעכט צו זאגען אפילו: „מענדעל, א ניגון ליגט זיך. אוועק פאר אונזערע פיס, אזוי ווי א געשטארבען עוף. איך הער בפירוש, ווי ער קלאפט מיט די פליגעל, דער ניגון" — (ז. 157).

---

## ב. ריוזקין

### א. טאבאטשניק — „אין שייד" — לידער־זאמלונג

ארויסגעגעבען פון שישפסהעו׳ בעי ארבייטער רינג שול, ניו יארק, 1936.

פאראן זאכען ביי א .טאבאטשניק'ן, וואס ווארפען זיך אין די אויגען, און פאראן זאכען, וואס מען דארף דערזעהן.

עס ווארפט זיך אין די אויגען: די פאלירטע שפראך; די פיינע ווארט שניצעריי, די געטאקטע שורות, וואס לויפען מיט אזא גרינגען אימפעט, און לייגען זיך אליין אויס, פינקטליך צוגעמאסטענע, אין זייערע געלעגערס — די סטראפען:

מיט א בינטל האלץ און א ווייסן לאם,
א קריגל אויל פאר א לויטערן פלאם. —
גייט ער דורך דעם לעבן —
גאט זיך אפצוגעבן.

גאט אין פייער אנגעטאן,
מיט א שטערנצווייג אונטער א גאלדענער זון,
זיצט און שמייכלט בלוטיקרויט —
אנטקעגן אים און זיין הייליקן טויט.

דאס איז דאס צווייטע ליד פון דער זאמלונג. — די מעלות פון דער שפראך — געלייטערטער סטיל, געשנירעלטע שורות — אלע זעהען עס גלייך איין, גיבען זיי אפ טאבאטשניק'ן דעם שבח. און באלד פארכאפען זיי זיך: וואס זשע לאזט אונז זיין ליד צו הערען? וואס איז דען ניט דא אין זיין ליד? — עקדה און קרייציגונג, גאט־זוכעניש און גאט־אפלייקענונג; גאט לאכט בלוטיג דויט איבער דעם געקרייציגטען און זיין טויט; גאט איז אויסגע'חוזק'ט צוזאמען מיט זיין קרבן — איז עס דאך גלאט א ווערטער־שפיל פון שעהנקייט וועגען. — און אזוי ליד נאך ליד פרעגען זיי: וואס זשע לאזט ער אונז צו הערען? אט איז ער א גאט־זוכער און אט א רעוואלוציאנער. אין א צענדליג לידער דערמאנט ער גאט צום גוטען; דירעקטע ווענדונגען צו גאט, וואו ער חשבונ'ט זיך מיט אים פונאנדער: „פילגערשאפט", „מיט א בינטעל האלץ" און „צו גאט בין איך געגאן" . . . אין פונקט אזויפיל לידער פייערט ער די רעוואלוציע, מיט א גאנץ איינגענארטיגען ליד צום ערשטען מאי, וואו מענשען זיינען ביימער און די גאסען — גערטנער, און דער יוניאן־סקווער ווערט א בארג, און ער טאבאטשניק שטעהט צופוסענס. און אזוי ווי עס איז אנגענומען, אז איינס מיט דעם אנדערען שיקט זיך ניט — גאט־זוכער און רעוואלוציאנער — פארבלייבען זיך די און יענע און פרעגען: מיט וועמען זשע האלסטו, טאבאטשניק?

און נאך צעטומעלטער ווערען זיי פון אנדערע ווידערשפרוכען, וואס ווארפען זיך אין די אויגען פון טאבאטשניק'ס לידער: אט זינגט ער א הימנע מאני לייב'ן, דעם פאעט פון מירמעלשטיינערנע חלום־שלעסער, און אט צאלט ער צינז צו יצחק פעפער'ן, וועמעס ליד עס קלינגט איהם מיט שפיז און רינט איהם מיט האניג (צי עס איז אמת וועגען פעפער'ן צי ניט, אבער שפיז און האניג זיינען קיין סתירה ניט; עס איז א פארצייטיגער סימבאל — דער גבור נעמט אן האניג אויפ'ן שפיז. מעג מען עס, פאר שעהנקייט וועגען, עס אויך אונטערזאגען פעפער'ן) — מיט וועמען זשע איז טאבאטשניק — מיט מאני לייב'ן צי מיט פעפער'ן? — און אט לאזט ער זיך אין א טאפעלטער אטאקע אויף לייוויק'ן („פאר'סם ניט מעהר") — אין מאני לייב'ס נאמען: הלמאי לייוויק וואונדיגט מיט זיין ווארט, אנשטאט צו נחת'ן זיך מיט געוואויגענע און געמאסטענע רייד, און אין פעפער'ס נאמען: הלמאי לייוויק זינגט „אומקום", ווען עס איז שוין א צעהן יאהר אין דעם — דאמאלסט, ווען דאס ליד איז געשריבען געווארען — ווי פעפער זינגט „אויפקום". און ער ווארפט זיך מיט רציחה אויף איהם, און רופט איהם מערדער. און שעלט איהם אין טאטען אריין, בפועל ממש:

און דו ביסט מארד —
פארצוויפלט בלינדער מארד;
דיין תנחומס וואונדיק ווארט,
דיין טאטנס רויטע בארד;
זיי זיינען אלע מארד,
פארצוויפלט בלינדער מארד.

היינטיגע צייטען שרעקט מען זיך ניט פאר שארפע רייד, און מען ערלויבט א פאעט פאעטישע חוצפה; אבער סטייט פרעגט מען איהם: ביזטו, טאבאטשניק, אזוי פריי פון לייוויקשע סימנים?

און ווירקליך, עס האט גארניט אויסגעזעהן, אז זיין פען זאל אזא שונא זיין לייוויק'ן. אט האט זיין פען אנגעשריבען גלייך אין ערשטען ליד „פילגערשאפט":

עס גייט די גאנצע בלינדע ערד,
וואס לעכצט נאך גאט און וואונדער . . .

און זיין פען וויים פון ביינאכטיגען עקסטאז, פון „לעבען, שטארבען און אויפגעהן אין איין מינוט"; און אט בעט זי, מען זאל איהר בעל הבית שארבען אויסשטעלען צו זון און ווינט — פאר רויב־פויגלען צו פיקען ביין נאך ביין. איז דאך דאס אמת'ע „אומקום"־שמימונג! . . .

איז טאבאטשניק מאני לייב און פעפער און לייוויק צוזאמען! ווייס מען ניט פון דעם וואס ווארפט זיך אין די אויגען פון די לידער ארויס, ווער און וואו טאבאטשניק איז. כאפט מען ניט זיין פנים, דוכט זיך, אז ער איז פנים'לאז. און אויב אהן א פנים, מסתמא זאגט ער גאר נישט; צווייפעלט מען שוין צי ער וויל וואס, צי ער זוכט וואס, צי עס טוט איהם עפעס וויי. פאלט ארויס דער אינהאלט פון אונטער זיינע לידער. און עס שמעלט זיך אפ דער איינדרוק פון געשניצטער, געטאקטער, נעט געפורעמטער „אינהאלטסלאזיגקייט".

און דאס איז נאך ניט אלץ. עס ווארפט זיך אין די אויגען, אז טאבאטשניק איז פארליבט אין ווערטער. די גאנצע פערטע אפטיילונג פון זאמלונג איז באטיטעלט „ווערטער", און די וואס קוקען פון אויבען־אויף, האבען דא א לייכטע געלעגענהייט צו דערקלערען, אז טאבאטשניק'ס ליד איז ווארט־ליבבעריי און ווארט־שפילעריי. און צוגעבענדיג עס צו זייער הערדיגער דערקלערונג וועגען דער „אינהאלטסלאזיגקייט" פון טאבאטשניק'ס ליד, טראגען זיי ארויס אן אלגעמיינעם פסק־דין, אז עס איז א זאמלונג פון הוילע מליצות, א הויז א פאר לידער וואו זיי האבען אנגעטאפט „אינהאלט".

און מען בלייבט שטארק אומגערעכט צו טאבאטשניק'ן.